„... R-KIELCER LEBEN" 41 (231) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" פרייז 25 גראָשען איינצעלנע נומער ... 

# ראדאמער-קעלצער לעבן

26 go października 1928 r. ◆◆ אינפאָרמאַציאָנס-פּאָליטישע וואָכנשריפט ◆◆ פאַרן אינהאַלט פון טעקסט אין די אַנאָנסען אין די רעדאַקציע נישט פאַראַנטוואָרטליך ◆◆ ראדאָם פרייטאג יב' חשון תרפ"ט.


בברכת מז"ט חמה אנחנו מברכים את
חבירנו מר בנימין הרשנשטרוז
עם מרת חנה'קה גוטמן
לארושיהם
יחאל טורעק
ומשפחתו

לרגלי האירוסין של חבינו
מר בנימין הרשנשטרוז
עם מרת חנה'קה גוטמן
אנחנו מברכים אותם שיהי' דרכם
צלחה וסוגה בשושנים ויבנו את ביתם
על הרי יהודה וירושלים.
יצחק טורק
ומשפחתו

צו די פערלאָבונג פון אונזער ליבען זוהן און ברודער
שמשון מיט פרל' שיינדעלע ליטוואַק,
וואונשען מיר, אז גליק און צופרידענהייט
זאָלען באַגלייטען זייער נייעם לעבענס-וועג.
עלטערן, משה מעכעראָווסקי עט פרוי,
שוועסטער און ברידער.

שיינדעל ליטוואק — שמשון מעכעראווסקי
פערלאבט
ראדאם דעם 20-טען פאַזשדזערניק 1928.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבע טאָכטער און
שוועסטער שיינדעלע מיט ה' שמשון מעכעראָווסקי
ווינשען מיר פיל גליק און איביגע צופרידנהייט.
מוטער, ברידער און שוועסטער
ליטוואַק.

בנימין! לבאך בבחירתי
הארוסין את נחירת לבך
מרת חנה
בוכות לבביות
צבי רנצגר

גליק און צופרידענהייט ווינש איך מיין חבר
בנימין הערשענשטרויז
צו דער פערלאבונג מיט פרל' חנה'קע גוטמאַן
יהודא לאנדוי

א הערצליכען גליקוואונש צו דער
פערלאבונג פון ה' שמשון
מעכאראָווסקי מיט פרל'
שיינדיל ליטוואַק
יהודא לאנדוי

צו דער פערלאָבונג פון ה' ל.
סטעפא אייזענבערג (קעלץ) מיט ה'
שלמה רעמבישעווסקי (קעלץ)
גראַטולירט און הערצליך
און ווינש זיי א גליקליכע צוקונפט.
דוד גליקסמאַן
ראדאם.

Z intencji zaręczyn kochanego brata
Benjamina Hirszenstrausa
— z panną —
Hanką Gutmanówną,
życzę im wiele szczęścia i wiecznego zadowolenia.
ANKA
HIRSZENSTRAUSÓWNA

Z intencji zaręczyn p.
Benjamina Hirszenstrausa
— z p. —
Hanką Gutmanówną
serdeczne życzenia składają
F. Szajnbaum
z Narzeczoną.

בברכת מז"ט הזה הנני מברך את
חברי מר בנימין הרשנשטרוז
לאירושיו עם בחירת לבו
חנה'קה גוטמן
ישעי' רעכטמאַן


## בעקאַנטמאַכונג

דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט די געעהרטע קליענטעלע אין ראדאם און איהר אומגעגענד: צוליעב דעם שווערען קריזיס, וועלכען מיר לעבען איבער שוין העכער 4 יאהר, ווי אויך צוליעב די גרויסע שווערע לאַגען פון די שטייערן, די א נאָרמאַלע לאַגע פון וועקסיל-סיסטעם אין שבת דעם 20-טען סעפטעמבער אויף די אלגעמיינע פערזאַמלונג פון שניידער-מייסטער-פעראיין בעשלאָסען געוואָרען פאָלגענדעס:
א העכערונג פון 25% ווי אויך געלד אנשטאט וועקסלען פאר ארבייט.
מיט אכטונג די פערוואַלטונג


Gabinet Lekarsko-Dentystyczny przy ul. Skaryszewskiej 15 przeprowadził się na ul. Warszawską 9/11.
LEKARZ DENTYSTA
R. BANKIERÓWNA

פאַדערט איבעראַל
דעם בעוויסטען פאַדקאָווע-נעהגאַרן פון
לענינגראַד-טעקסטיל-טרוסט אין לענינגראַד
פריהער נעווסקי'ס נעהגאַרן
BRACIA HERMAN i S-ka ŁÓDŹ, Wolczańska 23
אָבטיילונגען: וואַרשאַ, ווילנא, ראָוונע, פינסק, וולאָצלאַוועק, לעמבערג, קראָקא, פּויזען.

# וואס הערט זיך אין ראדאם.

## געלעגט שוין דעם גרונד-שטיין פאר א גראנדיעזען בנין פאר דער ראדאמער באהן-דירעקציע אין כעלם.

דאס איבערפיהרען די ראדאמער באהן-דירעקציע קיין כעלם איז שוין א געשעהענער פאקט. אלע אנשטרענגונגען און השתדלנות פון צום באהן-מיניסטעריום פון פערשידענע היגע געזעלשאפטען וועגען דעם, אז די באהן דירעקציע זאל ווייטער פערבלייבען ווי ביז אהער אין ראדאם, מיט'ן מאטיוו, אז דאס איבערטראגען וועט זיך שלעכט אבשפיגלען אויף דער קאניוקטור פון דער ראדאמער האנדעלשאפט און אינדוסטריע, פערשאפענדיג א פערלוסט אין קאנזומענטען דורך דעם איינציעהען אוועקגעהן פון דער גרויסער צאהל דירעקציע-ביאמטען און אנגעשטעלטע — האבען קיין גינסטיגע רעזולטאטען נישט געבראכט.

היינטיגען מאנטאג איז מען אין כעלם שוין צוגעטרעטען אויפבויען א גראנדיעזען בנין פאר דער באהן-דירעקציע און א ביאמטען-קאלאניע. דאס לעגען דעם גרונדשטיין איז פארגעקומען ביי א גרויסע פייערליכקייט, בעת וואס ס'איז אנוועזענד געווען דער באהן מיניסטער אינזש. קיהן אין דער בעגלייטונג פון א גרעסערע צאהל העכערע רעגירונגס-פארשטעהער.

אין דער פייערליכקייט האט אויך אנטייל גענומען דער פרעזעס פון דער ראדאמער באהן-דירעקציע ה' אנדושעיעווסקי.


Kino,, ODEON" w Radomiu.

Od 29-go października 1928 r.

**Anna Karenina**

najnowsze arcydzieło sztuki kinematograficznej demonstrowane ostatnio z niebywałem powodzeniem w kino SPLENDID

**osnuta na tle głośnej powieści**

**LWA TOŁSTOJA**

W rolach głównych ulubieńcy świata Demoniczna

**Greta Garbo**

i amant nad amanty

**John Gilbert**

szlagier pierwszorzędnej jakości.


## די פייערונג אין ראדאם לכבוד דער 10 יעהריגער אומאפהענגיגקייט פון פוילען.

אין שייכות דערמיט, וואס אין צווייטען מאנאט ווערט 10 יאהר, זינט פוילען האט ערוואָרבען איהר פאליטישער זעלבסטשטענדיגקייט, וועט אין גאנצען לאנד פארקומען אימפאזאנטע פייערליכקייטען. צו דעם צוועק האט זיך אין ראדאם אויך געשאפען א ספעציעלער קאמיטעט אונטער דער פארזיץ פון ה' רטאראכנא גולינסקי, וועלכער האט זיך געשטעלט די איפגאבע איינצוארדנען די היסטארישע פייערליכקייט אין אונזער שטאדט אין גרויסען פארנעם.

דער קאמיטעט האט זיך געגרינדעט אויף א זיצונג אין סיימיק היינטיגע וואך, וואו דער ה' סטאראסטא האט פארגעשטעלט א אויספיהרליכען פראיעקט, וואס ער האט זעלבסט אויסגעארבעט. אין צוזאמענהאנג מיט דער איינארדנונג דער יובילעאום-פייערליכקייט אין ראדאם.

אויף דער זיצונג, וועלכע האט געטראגען א ארגאניזאציאנעלען כאראקטער, זענען איינגעלאדען געווארען די אנגעזעהענסטע פארשטעהער פון אלע לאקאלע ארגאניזאציעס און אינסטיטוציעס. מצד דער יודישער בעפעלקערונג איז איינגעלאדען געווארען די ה"ה נאלדבלים, הר' קעסטענבערג, אדוו. אטלאס און מיליער.

## יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער האנדווערקער-באנק.

אין לאקאל פון האנדווערקער-קלוב איז דעם 13 אקטאבער ה. י. פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער האנדווערקער-באנק אין ראדאם פאר'ן יאהר 1927. פרעזעס רובינשטיין עפענט די פערזאמלונג און מיט דעם הסכם פון אלע אנוועזענדע ווערט בעשטימט צו פיהרען די פערזאמלונג, וועלכע קומט פאר אונטער דער פארזיץ פון ה' גליקסמאן ביי דער מיטהילף פון די אסעסארען ה"ה קאטלאר און יוסף אקערמאן.

דיר. קאפאי גיט דאן אב א בעריכט פאר'ן יאהר 1927 און ווייזט-אן, דאס פערשידענע סיבות האבען מיטגעווירקט דאס די פערזאמלונג זאל פארקומען מיט א נעוויסער פערשפעטיגונג. אלס איינע פון די הויפט-סבות איז דאס, וואס עס איז גארנישט אזוי לייכט אבציגעבען א בעריכט וועגען דער טהעטיגקייט ווי בכלל וועגען מעשים, וועלכע זענען געטוהן געווארען על ידי אחרים. די ערשטע אנפיהרענדע קערפערשאפט האט זיך נישט געשטעלט פאר איהר אויפגאבע אויפצוווייזען נאר די שלעכטע ווירטשאפט, אדער די שלעכטע אנפיהרונג פאר'ן יאהר 1927, נאר גלייכצייטיג אויסצוארבייטען און אנצווייזען בעסערע פיהרונגס-מעטאדען און גרינדליך צו סאנירען די ווירטשאפט א. ז. וו. דאס אלעס זאגט דיר. קאפאי, קומט נישט אן אזוי לייכט אין ראדאם איז א פראגע פון צייט און מיה. יעצט, ווען ס'איז פולקאם געלונגען אוועקצושטעלען די באנק אויף איהר געהעריגער הויך האט מען גע-

---

טה'ר ארויס, אבער פאר די אויגען האט זיי געשווינדעלט און זיי האבען נישט געוויסט דורך וואנען מען ווערט דא פערשווינדען. איידער וואס און ווען האט זיי עמיצער — זיי האבען נישט געוואוסט ווער — נאר געפיהלט א שווערען האנט-דרוק קלאמערט ארום זיי ביים האלדז און ווארפט זיי ווי די הינד ארויס אין יענער זייט טה'ר.

אין דרויסען האבען זיי ערשט פרייער אבגעאטעמט און דערשפירט א זייער גליקליך געפיהל וואס זיי זענען ניצול געווארען פון ארעסט.

איז מען ווייטער אוועק וואנדערען איבער די פרעמדע, קאלטע ווינער גאסען. דא איז שוין דער דריטער טאג און אלץ שטעהט אויף א טוידטען פונקט. אלע טהירען זענען פערהעמערט. מ'לאזט אין ערגיץ נישט אריבער די שוועל. פון ראדאם פליהען טעגליכע מאהל אין טאג טעלעגראמעס. דאס פרעגען זיך אן די קינדער, די שוועסטער און ברידער, גוטע פריינד פון ה' ב. און ה'ר., וואס מען הערט און, צי זייערע פרויען זענען שוין ארויס פון תפיסה. מיט יעדען טאג ווערען די טעלעגראמעס אלץ מעהר און מעהר, אבער אלע בלייבען אהן א ענטפער.

מ'האט שוין באלד געהאט בעשלאסען אהיימצופאהרען מיט גארנישט. פלוצלינג איז ראכעלא איינגעפאלען א געדאנק צו לויפען אין קליניק אריין. און מיט פערשידענע פראדוקטען און עסענווארג איז איהר געלונגען אבצוקויפען די „שוועסטער" זי זאל איהר זאגען ווער דאס פרעמדע ראדאמער מיידעל, וואס איז געקומען אין קליניק געבארען א קינד, איז. און ווייל עס איז דאן געווען א גרויסער הונגער און די „שוועסטער" איז צו דער דאזיגער מתנה צוגעפאלען ווי א אויסגעהונגערטער וואלף און גלייך איהר דערצעהלט, אז דאס מיידעל הייסט ביילקע און ס'האט איהר פערפיהרט א עסטרייכישער פיינריך, פון וועמען זי האט מי'ס עטליכע טעג צוריק געבוירען אין קליניק א מיידעל.

ביילקע האט זיך באלד דערמאנט ווער דאס איז. זי האט ביילקע גוט געקאנט. זי איז געווארען אויסער זיך אבער זי האט פערביסען מיט די ליפען און פאר פיל געלד אויסגעבעטען ביי דער „שוועסטער" יענע זאל איהר ערלויבען צו מאכען א וויזיט ביי ביילקע, פון וועמען ראכעלא איז טאקע פיל, זעהר פיל געווארען.

(פארטזעצונג קומט.)

דיגט מיט אלע כחות נישט לאזענדיג אראבצורייסען דאס רינגעל פון די פינגער — האט בעקומען ליכטע מעסער־וואונדען אויף די הענד.

דער יודישער גאסט ב. וועלכער האט צוגעזעהן די דאזיגע שרעקליכע סצענעס, האט טראץ ד ם, וואס די בעפאלענע האבען איהם געבעטען ער זאל נעהן נאך פאליציי, האט אויס מורא פאר די נקמה־דראהונגען פון די באנדיטען, זיך ארויסגעשארט פון דער רעסטאראציע און אוועק זיין וועג'ס, ווי קיינמאהל גארנישט.

דער מערדערליכער באנדיטען־אנפאל האט אויף דער געליטענער פאמיליע געמאכט אזא שוועהרען איינדרוק, אז זיי לעבען אין כסדר'דיגע שרעק און ציטערען־אויף פון דער מינדעסטער קלייניגקייט.

דער דרייסטער אנפאל תחילת הלילה אין סאמען מיטען שטאדט האט געמאכט אן ערשיטערענדען רושם.

Dr. med. W. CUNG
LUBELSKA Nr. 39.
POWRÓCIŁ
מעדעציו־ד"ר וו. צונג
ראדאם לובלינער 39.
צוריקגעקומען

## די כשר'ע און הייל־בארע פוטער פון דער בעוויסטער פירמע AMADA.

די פלאנצען־פוטער פון דער איבעראל בעוויסטע פירמע **AMADA** האט זיך קונה שם געווען מיט איהר גוטסקייט. פיינקייט און געשמאקהאפטיגקייט. דאקטוירים, וואס האבען אינטערזוכט די כימישע צוזאמענשטעלונג פון דער פוטער, האבען פעסטגעשטעלט, אז די פלאנצען־פוטער פון דער זעלבער פירמע קאן בעטראכט ווערען אלס הייל־מיטעל פאר'ן געזונד, אזוי געקריכטאליזירט. אייער און צוקער־סובסטעל איז דער אינהאלט פון דער אויסארבייטונג. די פלאנצען־פוטער, נישט נאר, וואס זי קאן דרייסט פערטרעטען די אריגינעלע און עכטע פוטער, נאר זי איז אין פיל פאלען נאך בעסער, ריינער און געזונטער.

די אויסארבייטונגען ווי: שרון, ממאדאר און אגוז, וואס די זעלבע פירמע פראדוצירט איז כשר למהדרין מן המהדרין. זיי זענען פערזעהן מיט כשרות־בעשטעטיגונגען פון אבער־ראבינאט אין ווארשא און דאנציג.

די פירמע **AMADA** האט געעפענט איהר פיליע אויף דער קעלצער וואיעוואודזטווא אין ראדאם, דלוגא 5 און אלס דעם גענעראל־פערטרעטער בעשטימט דעם ה' י. זילבער.

## צוליב מאנגעל אין ארט

זענען נישט אריין אין היינטיגען נומער פאלגענדע בעריכטען און קאמוניקאטען: דער בעריכט פון בירגער־קאמיטעט, דער קאמוניקאט פון „מזרחי" און „צעירי מזרחי" און דער בריעף פון ה' וו. פייגענבוים. דאס אלעס וועט געהן אין קומענדיגען נומער.

רעד.

## א ענטפער דער דירעקציע פון גימנאזיום „פשיאטשול וויעדזי"

לעזענדיג אין „ראדאמער לעבען" (נום. 229) דעם בריעף פון דער דירעקציע פון גימ. „פשיאטשול וויעדזי", וויל איך דא געבען א קלארען ענטפער. כדי די עפענטליכקייט זאל קאנען זיך גענוי אריענטירען און האבען א פולשטענדיגען בעגריף וועגען דער „גערעכטער" האנדלונג פון גימנאזיום לגבי מיין פערזאהן.

קודם כל וויל איך פעסטשטעלען, אז דאס פעררופען זיך אויפ'ן אבזאגענטפער פון קוראטאריום מיר צו פערלענגערן דעם טערמין צו אינטערריכטען ביז ענדע שול־יאהר 1928|29 איז א פועל יוצא פון דער בכיונ'דיגער און טענדענציעזער שלעכטער מיינונג, וואס דער דירעקטאר פון גימנ. ה' רוסאק, האט אויף מיר אנגעשריבען אין קוראטאריום. לויט די קוואליפיקאציעס וואס איך בעזיץ האט מיר געדיענט די פולסטע רעכט אזוי ווי אנדערע גימנאזיע־לעהרער. וועלכע האבען נישט געהאט קיין דיפלאמען ביז ענדע שול־יאהר 1927 28 — צו בעטען ביים קוראטאריום וועגען פערלענגערען דעם טערמין פון מיין ווייטערדיגען לערנען ביז סוף שול־יאהר. איך האב אזא ביטע זיינער צייט צוגלייך מיט די איבריגע גימנאזיע־לעהרער, וועלכע האבען נישט געהאט קיין דיפלאמען, דערלאנגט אין קוראטאריום. אלע לעהרער'ס האבען בעקומען א פערלענגערונג, און איך דאגעגען האב בעקומען אן אבזאג. דער אבזאג איז ענטשטאנען אויפ'ן גרונד פון ביי־ווילינגקייט און טענדענציעזער האנדלונג פון דיר. ה' רוסאק, וועלכער האט צוגעגעבען זיין שלעכטע מיינונג וועגען מיר פאר'ן קוראטאריום אהן דער התנגדות פון ה' יחיאל סרעבקעל, וועלבער בילדעט צוזאמען מיט ה' רוסאק די קאמיסיע פאר אנגאזשירען און אבזאגען לעהרערס.

ה' רוסאק וויל בעדעכטיגען דאס דערוייטערען מיך פון גימנאזיום אויפ'ן יסוד פונ'ם אבזאג־ענטפער פון קוראטאריום. אבער וואס איז געווען די סבה וואס דאס קוראטאריום האט אזוי אנגעשריבען? — די סבה. ה' רוסאק, דאס איז אייער „בעריהמטע אפיניע" וואס איהר האט געגעבען וועגען מיר אין קוראטאריום.

יעצט שטעלט זיך די פראגע, צי דער אויסדרוק, אין דעם פאל, פון ווארט מסירה, איז א צוגעפאסטער, אדער אפשר א צו שוואכע אילוסטראציע אויף צו בעצייכנען אזא אונדערהערטע האנדלונג? — דאס זאל משפט'ן די עפענטליכקייט. ווייטער וועגען דעם וואס דיר. ה' רוסאק בעצייכענט דעם ווידיגען און גערעכטיגען ארויסטריט פון מיינע דאנקבארע און מיטפיהלענדע עלטערע שילער פאר ברוטאל, פרעג איך ווידער, וואס הייסט ברוטאל? — צי דאס וועלען צוברעכען די עקזיסטענץ פון א גאנצער פאמיליע אויף א נישט עהרליכען וועג. אדער ברוטאל הייסט ווען מענשען נעמען זיך אן פאר'ן אמת און פראטעסטירען געגען א שרייענדער עולה? וואס שייך די בעשולדיגונגען פו ה' כהן, ערקלער איך, אז ביים אנפאנג פון אנקומען פון דיר. ה' רוסאק האט ה' כהן וויזיטירט די גימנאזיום און דאן וועגען מיר ארויסגעטראגען א גוטע מיינונג, און אויב ה' כהן האט זיין מיינונג געטוישט, איז עס ווידער א רעזולטאט פון ווערען בעאיינפלוסט מצד דעם דיר. ה' רוסאק. ווייטער וואס אנבעלאנגט דער מיינונג פון ה' רוסאק וועגען מיר, דערויף קאן איך ענטפערן: קשוט עצמך ואחר כך קשוט אחרים... איבריגענס איז וועגען דעם ציפיעל דא צו רעדען און האפענטליך וועט מען נאך דערפון רעדען און אלץ וועט ארויס פאר דער עפענטליכקייט.

ל. מילמאז.

108—04.

Lek.-Dent. S. GRAJEWSKA
Leczenie i usuwanie zębów bez bólu.
ZĘBY sztuczne wszelkich systemów w złocie, platynie i kauczuku wykonane przez technika dentystycznego.
E. WAKSZLAK
RADOM, Rwańska 23.

Uwaga Kupcy!!!
Z dniem 25 b. m. uruchomione zostaje
BIURO PROŚB p. f. „Porada"
ul. Lubelska 18 II-gie piętro front
(Nad Związkiem Kupców)
prowadzone przez wytrawne siły fachowe.
Biuro uskutecznia podania do wszystkich urzędów państwowych i komunalnych oraz sądów.
Przepisywanie na maszynie i korespondencja handlowa.




Kuzynce Loli
z okazji zaręczyn z p.
Romanem Zylberszpicem
serdeczne życzenia składa
Hirsz.

מזל-טוב
אונזער שוועסטער און שוועגערין
סטעפא
צו איהר פערלאָבונג מיט ה'
שלמה רעמביעשעווסקי
ווינשען
מ. גליקסמאַן און כלה
קעלץ-ראדאָם.

צו דער פערלאָבונג
פון אונזער שוועסטער און שוועגערין
סטעפא
מיט ה' שלמה רעמביעשעווסקי
ווינשען מיר זיי
א הערצליכען מזל-טוב.
מ. לעווענבערג און פרוי.
בענדין.

בברכת מזל-טוב חמה ובאחיר מוהיר על הרי ציון וירושלים אנו מברכים
את חברתנו מ׳ ת סטעפא אייזנבערג
לרגלי אירושיה את בחירת לבה מר שלמה רמביעשבסקי מקילץ.
תהי דרכם בחיים צ״ח: וכולה בשושנים.
הועד של „קרן-קימת לישראל״ בקילץ.
גם אני בין המברכים מזכיר יוסף פרלוב.

## הכנות אין קעלץ צו דער פייערליכקייט צוליב דער 10-יעהריגער אומאָבהענגיגקייט פון פוילען.

דעם צווייטען חודש ד. ה. דעם 11 ליסטאָפּאַד ווערט 10 יאָהר, זינט פוילען האָט זיך באַפרייט פון די אָקופּאַנטען, דערגרייכענדיג איהר פולשטענדיגע זעלבסטשטענדיגקייט. לזכרון דעם היסטאָרישען טאָג, וועט אין דער גאַנצער פּוילישער מלוכה יענעם טאָג געפייערט ווערען: אַלס נאַציאָנאַלער פייערטאָג'ס יום-טוב. אויך אין קעלץ גרייט מען זיך צו דער דערמאָנטער פייערונג. צו דעם צוועק איז די פאָריגע וואָך אָבגעהאַלטען געוואָרען אין דער וואָיעוואָדזשאַפט א פאַרבערייטונג'ס פערזאַמלונג צו אָרגאַניזירען אין קעלץ די פייערליכקייט לכבוד דער 10-יעהריגער אומאָבהענגיגקייט פון פוילען.

אין די באַראַ ווערען האָבען אָנטייל גענומען: די מיליטער שעפס און ציוויל-מאכט און פאָרשטעהער פון דער גייסטליכקייט.

## זעלבסטמאָרד אויס נויט.

אין דער נאַכט פון 12 אויפ'ן 13-טען ה. ח. איז אין קעלצער שטאָדט-פּאַרק אויסגעפונען געוואָרען א זעלבסטמאָרד פון א געוויסען סטאַלאר אדזם 66 יאָהר אַלט. דער אומגליקליכער האָט זיך גענומען דאָס לעבען דורך אויסטרינקען א גרעסערע דאָזע סם.

די סבה פון זעלבסטמאָרד איז אַרבייטסלאָזיגקייט און הונגער.

דער זעלבסטמערדער איז א קעלצער איינוואוינער. ער וואוינט אויף דער קאַרטשאָווסקא נומ 20

## צו אונזערע ג. אבאָנענטען און אַנאָנסען-געבער אין קעלץ.

מיר זעהען מודיע, אז אונזער אגענט קאַסירער קען קיין קעלץ היינטיגען זונטאָג דעם 28 טען ה. ח. מיר בעטען אלע אונזערע אבאָנענטען צו בעצאָהלען דעם חודש-בעטרעף פאר אונזער צייטונג. אויך אונזערע אַנאָנסען-געבער ווערען געבעטען תיכף צו רעגולירען זייערע חובות.

אדמיניסטראַציע
„ראדאמער-קעלצער לעבען״
— אין ראדאָם. —

## א „זיסע״ גניבה.

דעם 14-טען ה. ח. האָבען גנבים זיך אריינבעקומען אין געשעפט פון שפילצייג-לעקאַריא (סאָראָ-האַרשאַווסקא 54) דורך אויפהאַקען דאָס פענסטער. זיי האָבען צוגענומען 16 פּלאַץ ראַניג און טייג אין ווערטה פון 100 זל.




א געזיכערט לעבען
Kursy samochodowe
H. PRYLIŃSKIEGO
Warszawa, Aleje Jerozolimskie 27
לערן אויטאָס מיט דאָפּעלטער פירונג
וועלט-פּאַטענט!
פערלייכטערט און אײַלט צו די לערע.
גיכער און גרונטליכער אויסלערנען.
אפּטעקט און דירה פאר פרעמדע
פּראָגנאָסיאָנאַלע און דזשעגעלמען פאַר-רעכט.
א פּאַקטען ווערט גאַראַנטירט.

Z intencji zaręczyn
p. Loli Lipszycówny
z p. Romanem Zylberszpicem
najserdeczniejsze życzenia składa
Kielce. K. Lichtenstein.

